# די גרויסע געשטאַלט פון אַ פאַרשטאָרבענעם גאון

**רבי משה סאָלאָווייטשיק, וועמענס אַכצענטער יאָרצייט איז אויסגעפאַלן נעכטען, ג׳ שבט. — זיין לעבן אַלס רב און ראש ישיבה. — פון ראָסיין ביז ניו יאָרק. — זיין מערקווירדיגע פערזענליכקייט. — מעשיות פון זיין לעבען. — די גרויסע גייסטיגע ירושה וואָס ער האָט געלאָזט.**

פון הרב אהרן ב. שורין

אין דער נאַטור, ווייסען מיר, וואָס ווייטער מען געהט אוועק פון אַ זאַך אַלץ קלענער דערשיינט זי פאַר'ן אויג. אַ בוים אין פעלד, אַ באַרג אין דער לאַנדשאַפט ווערען קלענער און קלענער וואָס ווייטער איר רוקט זיך אָפּ פון זיי.

אָבער מיט אַ גרויסען מענשען איז עס פונקט פאַרקערט. וואָס ווייטער ער רוקט זיך אָפּ אין דער פאַרגאַנגענהייט אַלץ גרעסער טרעט אַרויס זיין געשטאַלט, אַלץ העלער צייגען זיך אַרויס די שטריכען פון זיין פערזענליכקייט. ערשט מיט יאָרען שפּעטער קען מען ריכטיג אָפּשאַצען ווי פעסט ער האָט געבויט דעם בנין פון זיין גייסט, און ווי רייך עס זיינען די פּירות פון גאָרטען וואָס ער האָט געפלאַנצט.

עס פאָדערט זיך די פּערספּעקטיוו פון צייט, כדי מען זאָל ריכטיג זעהן זיין צושטייער פאַר זיין אייגענעם דור און פאַר די קומענדע דורות.

צו אָט דער קאַטעגאָריע פון גרויסע מענשען געהערט די פּערזענליכקייט פון דעם באַרימטען וועלט־גאון רבי משה סאָלאָווייטשיק, וועלכער איז אוועק פון דער וועלט מיט אַכצען יאָר צוריק.

עס ווערט געזאָגט אין דער גמרא (ברכות יח.), אַז צדיקים אויך נאָך זייער טויט געהערען צו די לעבעדיגע (צדיקים במיתתן נקראו חיים). און דאָס לאָזט זיך דאָפּעלט זאָגען אויף דעם גאון רבי משה סאָלאָווייטשיק צו זיין אַכצענטען יאָרצייט — דער יאָרצייט פון ח"י.

אין דער נאָעהנטער סביבה אין וועלכער רבי משה האָט געלעבט, סאַי אין דער סביבה פון דער לומדישער וועלט בכלל, צווישען רבנים און גאונים אויף דער זייט ים און



רבי משה סאָלאָווייטשיק

אויף יענער זייט ים, שפּירט מען היינט שאַרפער ווי פאַראַיאָרען און פאַראַיאָרען שאַרפער ווי פאַר אַכצען יאָר צוריק, וואָס פאַר אַ גרויס פאַרמעגען די אידישע וועלט האָט פאַרמאָגט אין דער פּערזענליכקייט פון דעם גרויסען רבי'ן, ראש ישיבה און גאון, רבי משה סאָלאָווייטשיק, זצ"ל.

צווישען די וואָס האָבען אים געקענט פּערזענליך אין פּריוואַטען לעבען און צווישען די טויזענטער תלמידים, וואָס האָבן געהערט תורה פון זיין מויל, קלייבען זיך צונויף

זיי האָבען געצויגען פון זייערע זיידעס, פון רבי חיים וואָלאָזשינער און דורך רבי יוסף בער בריסקער. און אָט די ירושה האָבען זיי אַ גאַנץ לעבען געטראָגען מיט זיך אומעטום וואו זיי זיינען געגאַנגען, געלעבט און געוואוינט. אָט די ירושה, פון לערנען תורה אויף אַ העכערען מדרגה מיט'ן אייגענעם נייעם גאַנג, האָבען זיי איינגעפלאַנצט אין הערצער פון אידישע לומדים, ניט נאָר אין זייער דור, נאָר אויך פאַר די דורות נאָך זיי.

רבי משה סאָלאָווייטשיק, ווי שוין דערמאָנט, איז געבאָרען געוואָרען אין וואָלאָזשין אין חודש טבת פון יאָר תרל"ט. ער האָט נאָך זוכה געווען צו פּראַווען זיין בר־מצווה אין דער גרויסער וואָלאָזשינער ישיבה, איידער זי איז געשלאָסען געוואָרען פון רוסישען צאַר אין יאָר תרנ"ב—1892. אין עלטער פון 23 יאָר, אין יאָר תרס"ב—1902, האָט ער געהייראַט מיט זיין פרוי פּעשע, די טאָכטער פון דעם באַרימטען פּרוזשינער רב, הגאון רבי אליהו פיינשטיין, וואו ער איז אָנגעקומען אַלס אַן איידים אויף קעסט.

בלויז אַכט יאָר שפּעטער, אין יאָר 1910, אין דעם יונגען עלטער, פון בלויז 31 יאָר, איז רבי משה איינגעלאַדען געוואָרען צו פאַרנעמען דעם כסא הרבנות פון דער ליטווישער שטאָט ראַסיין אויפ'ן פּלאַץ פון דעם באַרימטען גאון רבי אלכסנדר משה לפּידות.

אָבער די לומדישע וועלט, וועלכע האָט געהאַלטען אַן אויג אויף דעם נאָך גאָר יונגען גאון האָט ניט געוואָלט, אַז ער זאָל בלייבען בלויז אַ רב... און מען האָט אים באַלד אונטערגעשטעלט אַ ישיבה, טאַקע אין ראַסיין. און געטאָן האָט עס דער באַרימטער „אַלטער" פון סלאָבאָדקע.

דער „אַלטער" פון סלאָבאָדקער ישיבה האָט אויסגעקליבען אַ גרופּע בחורים פון די אויסגעצייכענטסטע בחורים, מצוינים, עילויים פון דער ישיבה און האָט זיי איבערגעשיקט קיין ראַסיין צו ר' משה'ן ער זאָל זאָגען שיעורים פאַר זיי נוסח וואָלאָזשין און בריסק.

פון ראַסיין האָט זיין רבנ'ישע קאַריערע געבראַכט ר' משה'ן קיין כאַסלאָוויץ, סמאָלענסקער גובערניע, וואו ער איז געווען רב פאַר אַכט יאָר צייט, פון 1913 ביז 1921. דאָס זיינען געווען, אין מערסטען טייל, יאָרען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די אידישע וועלט איז געווען צעבראָכען און צעריסען. אָבער רבי משה האָט די אַלע מלחמה יאָרען געבראַכט מוט און האָפענונג צו די אַלע וועלכע ער האָט טריי געדינט אַלס רב און מנהיג. אין די אַלע יאָרען האָט זיך גאָר באַזונדערס אַרויסגעוויזען די נאָבעלע און גייסטיגע אייגענשאַפטען וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין העלפען עלענדע און צעבראָכענע נפשות, זיך אָננעמען־

תלמידים, וואס האבן געהערט תורה פון זיין מויל, קלייבן זיך צונויף איינדרוק נאך איינדרוק, וואס מען האט געהאט פון אים, עראינערונג צו עראינערונג, מחשבה צו מחשבה, תורה צו תורה, ביז עס איז שוין אויסגעוואקסען א גרויסער פארמאט פון א ריזיגער פערזענליכקייט.

די לעגענדע רבי משה סאלאווייטשיק הויבט זיך אן נאך פון דעמאלט, ווען ער איז געווען א קינד אין וואלאזשין. א קינד און א תלמיד ביי זיין בארימטען טאטען, רבי חיים סאלאווייטשיק, אין דער בארימטער ישיבה אין וואלאזשין.

רבי משה סאלאווייטשיק האט גע׳ירש׳ענט פון זיין טאטען צוויי קרוינען: די קרוין פון א ראש הישיבה און די קרוין פון רבנות. ביידע האבן געקיניגט אין דער אידישער וועלט אין לויף פון זייער לעבען מיט די צוויי קרוינען: פון א ראש־ישיבה און פון רבנות. מעהר ניט, רבי חיים איז פריהער געווען א ראש ישיבה — אין וואלאזשין — און שפעטער א רב — אין בריסק — און רבי משה האט אנגעפאנגען מיט רבנות און ראש ישיבה׳ריי צוזאמען, וועלכע האט זיך געצויגען פון ראסיין, אין דער ליטע, ביז צו דער ישיבת רבי יצחק אלחנן, אין ניו יארק.

אין דער אמת׳ן זיינען זיי ביידע, טאטע און זוהן, געווען און פארבליבען אין תוך בלויז ראשי ישיבות. דאס איז געווען זער גאנצער וועזען און זייער גייסטיגע ירושה, וועלכע

פארמאגט אין חלקען עלענדע און צעבראכענע נפשות, זיך אננעמענדיג פאר זיי געגן פארשיידענע אומרעכטען וואס געוויסע הארצלאזע שטאט־תקיפים האבן געוואלט פראקטיצירען אויפ׳ן חשבון פון די שוואכע.

אבער גאר אן אויסערגעוויינליכע שטארקייט פון גייסט און פון נאבעלקייט, וועלבע האט גלייכצייטיג אויך אפגעשפיגעלט זיין אויסערגעוויינליכע עניוות, און פון פארביגען אויף נאטירליכע געפילען, האט רבי משה ארויסגעוויזען ווען ס׳האט זיך געהאנדעלט וועגען דער בריסקער רבנות נאך דער פטירה פון זיין פאטער רבי חיים, בריסקער רב, אין יאר 1918.

נאך דער פטירה פון רבי חיים׳ען האבען די בריסקער פרנסים באשלאסען אויפצונעמען אלס זייער רב רבי משה׳ן, דעם מיטעלען זוהן פון רבי חיימ׳ען. רבי משה איז אבער צוליב דער מלחמה געווען געשטראנדעט אין טיף רוסלאנד און האט ניט געקענט גרייכען אין יענע טעג קיין בריסק. זיין אינגערער ברודער, דער היינט בארימטער גאון רבי וועלוועלע בריסקער, וועלכער וואוינט היינט אין ירושלים, איז אבער דעמאלט געווען אין בריסק. אין דער אפוועזענהייט פון רבי משה׳ן, האט רבי וועלוועלע געפירט די בריסקער רבנות.

אין יאר 1921, אז רבי משה האט זיך שוין געקענט דערשלאגען קיין בריסק, האבען דעמאלט די בריסקער פרנסים אים געוואלט אויפנעמען אלס זייער רב. אבער רבי משה האט זיי געענטפערט קורץ און מיט א שטארקייט, ווי ס׳איז דער שטייגער פון די „בריסקער" צו בערען קורץ און שארף:

„ר׳ וועלוועל איז ביז איצט געווען אייער רב און זאל ווייטער בלייבען אייער רב", און כדי ניט צו פארשאפען זיין ברודער קיין אומאנגענעמליכקייטען, איז רבי משה באלד אוועקגעפארען פון בריסק קיין ווילנע.

אוועקגעבען בריסקער רבנות אפילו צו א ברודער א אינגערן, ווייזט ניט בלויז אויף אויסערגעוויינליכער ברידערליכער איבערגעגעבנהייט, נאר אויך אויף א הויכער מדרגה פון צדקות.

זייענדיג אין ווילנע האט ער געקראגען א כתב רבנות פון אנטיפאליע. נאר נאך איידער ער האט באוויזען דארט גוט אויסצופאקען זיינע פעקלער, האבן שוין די מזרחי פירער פוןווארשע אים איינגעלאדען צו ווערען דער ראש הישיבה פון „תחכמוני" אין ווארשע. „תחכמוני" איז געווען א ישיבה מיט וועלטליכע לימודים, אויפ׳ן שטייגער פון ישיבת רבי יצחק אלחנן אין ניו יארק.

אבער אין דעם יאר 1929 האט טאקע די היגע ישיבה רבי יצחק אלחנן אונטער דער פירערשאפט פון הרב דר. דוב רעוועל, אויסגעכאפט רבי משה׳ן פון ווארשע און אים געבראכט אהער קיין אמעריקע.

דר. רעוועל, וועלכער האט געחלומ׳ט צו מאכען פון דער ישיבת רבי יצחק אלחנן א צווייטע וואלאזשין אין אמעריקע, האט טאקע אויסגעקליבען „וואלאזשינער" פאר זיינע ראשי ישיבה. און רבי משה איז שוין געווען דער צווייטער וואלאזשינער אין דער ישיבה. דער ערשטער, איז געווען דער פריהער

(שלוס אויף זייט 6)

# די גרויסע געשטאַלט פון אַ פאַרשטאָרבענעם גאון

(שלום פון זייט 2)

פאַרשטאָרבענער מייטשעטער עילוי. רבי שלמה פּאָלאַטשיק.

מיט׳ן אָנקומען פון רבי משה סאָלאָווייטשיק אין ישיבת רבי יצחק אלחנן אַלס דער ראש הישיבה, האָט די ישיבה געקראָגן אַ וועלט נאָמען צו וועלכע ס׳האָבן זיך גענומען ציהען ניט נאָר די בעסטע בחורים פון אַמעריקע, נאָר אויך פון אייראָפּע. די בעסטע בחורים פון די ליטווישע ישיבות האָבן אָנגעפאַנגען פאָרען צו רבי משה׳ן אין אַמעריקע ווי מען פלעגט פאָרען אַמאָל צו רבי חיימ׳ן אין בריסק.

צוועלף יאָר האָט רבי משה געזאָגט שיעורים אין ישיבת רבי יצחק אלחנן ביז אַ קורצער צייט פאַר זיין פּטירה, ג׳ שבט אין דעם יאָר תש״א, און פון די הונדערטער תלמידים, וועלכע האָבן געלערנט ביי אים זיינען צווישען זיי פאַראַן באַרימטע רבנים און ראשי ישיבה, וועלכע פאַרנעמען היינט אַ גאָר פּראָמינענטען אָרט אין אידישען לעבען אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז צו געבען אַ ברייטע אָפּשאַצונג פון זיין רייכען לעבען סיי אויפ׳ן געביט פון הרבצת התורה און סיי פון די מעשים טובים וואָס ער האָט געטאָן אין אַלע סטאַנציעס פון זיין רבנ׳ישער קאַריערע, איז די ראַם פון אַ צייטונגס אַרטיקעל צו קליין. מיר קענען בלויז פאַרצייכענען איניגע קורצע שטריכען פון זיין פּערזענליכקייט.

רבי משה האָט זיך הויפּטזעכליך אויסגעצייכענט מיט אויסערגעוויינליכער פּשטות און מיט׳ן זוכען דעם אמת אין יעדער זאַך און ביי יעדער געלעגענהייט. און דעם אמת און דאָס פּשטות האָט ער געזוכט אפילו אין דער גמרא... נאָכ׳ן אויסהערען אַ שיעור אין אַ שווערער סוגיא פלעגט ווערען דער ענין קלאָר און פּשוט אפילו פאַר די אינגסטע תלמידים, און זיי פלעגען נאָך דעם זאָגען: „ס׳איז דאָך אַזוי פּשוט, פאַרוואָס האָבן מיר אַליין פריהער ניט געזעהן, און פאַרשטאַנען״.

רבי משה איז ניט נאָר געווען אַ גוטער בעל־מסביר, נאָר אויך אַ קינסטלער־שילדערער. ביי אים האָט יעדע זאַך געלעבט. איר האָט געפילט דעם צאַפּעל פון לעבען וועגען וואָס ער זאָל ניט האָבן גערעדט: אַ גמרא, אַ תוספות, אַ רמב״ם און אפילו אַ שיחת חולין. און ס׳איז געווען אַזוי, ווייל רבי משה האָט איז אַלץ דערגרונטעוועט דעם פּינטעלע פון לעבעדיגען אמת. און אַזוי ווי ער האָט געזוכט דעם אמת אין דער גמרא, אַזוי האָט ער אויך געזוכט דעם אמת אין לעבען. ער האָט זיך ניט דערשראָקען פאַר קיינעם ווען ס׳איז נוגע געווען דעם אמת און דער גערעכטיגקייט. און, פאַרשטעהט זיך, אַז זיין אמת איז שטענדיג אַרויסגעוואַקסען פון דער הלכה און שטענדיג באַגלייט מיט דער מידת הרחמים.

למשל, געווען אַמאָל אַ מעשה אין וואַרשע: אַ אידישע פרוי האָט אָנגעזאָגט אין איר צוואה, אַז נאָך איר טויט זאָל מען זי פאַרברענען. אירע קינדער האָבן אַזוי געטאָן. אָבער שפּעטער איז געוואָרען אַ פּראַגע, וואָס זאָל מען טאָן מיט דעם אַש פון דער פאַרברענטער. די וואַרשעווער קהילה־פירער האָבן ניט געוואָלט לאָזען ברענגען דאָס אַש צו קבורה אויפ׳ן אידישען בית־עולם. אָבער רבי משה האָט זיך געשטעלט געגען דעם גאַנצען דעת־הקהל פון וואַרשע און האָט געפּסק׳ענט, אַז דעם אַש מוז מען ברענגען צו קבר ישראל, ווייל אַזוי איז די הלכה, און מען דאַרף זיך ניט רעכענען מיט דעם וואָס אַ נאַרישע אידענע מיט אירע קינדער האָבן אָפּגעטאָן. אין דער סוף איז געווען אַז מען האָט זיך געבויגען צו זיין פּסק דין. ער האָט טאַקע געדאַרפט פירען פאַר דעם הלכה׳דיגען אמת אַ שאַרפען קאַמף. אָבער ער האָט אויסגעפירט.

און נאָך אַ מעשה פון כאַסלאָוויץ:

אַז אָרימע, עלענדע פרוי, וועלכע איז קראַנק געוואָרען און די באַלעבאָסטע האָט זי אַרויסגעוואָרפען פון דער דירה, און זי האָט ניט געהאַט וואוהין צו געהן שלאָפען. רבי משה האָט געהייסען איר געבען אַ זייטיגען צימער אין דער שוהל. די גבאים האָבן עס אָבער ניט געוואָלט ערלויבען, און זיי האָבן פאַרשלאָסען די שוהל. רבי משה האָט געהייסען אויפברעכען די טיר פון שוהל־שטיבעל געגען דעם ווילען פון די גבאים. און אַזוי האָט מען געטאָן. ער האָט ניט געטראַכט, אַז אפשר וועט ער ליידען פּערזענליך פון דעם.

און אַ דריטע מעשה: אין וואַרשע האָט מען אין זיין צייט אַרעסטירט אַ אידישען בחור פאַר׳ן פאַרשפּרייטען אומלעגאַלע ליטעראַטור. געשעהן איז עס פרייטאָג פאַרנאַכט. דעם בחור׳ס מוטער איז געקומען צולויפען צו אים נאָך הילף. אין הויז האָט מען זיך געגרייט צום פרייטאָג־צונאַכטיגען קידוש. אָבער רבי משה האָט ניט געוואַרט קיין מינוט, האָט געלאָזט דעם שבת שטעהן און איז באַלד געלאָפען העלפען, און אָנלייגען שתדלנות וואו מען האָט געדאַרפט.

פאַראַן צו דערצעהלען אַזעלכע מעשיות אָהן אַ שיעור. אָבער צוליב ענגשאַפט אין פּלאַץ מוזען מיר זיי אָפּלייגען אויף אַנדערש מאָל. מיר קאָנען בלויז זאָגען, אַז ער איז געווען אַ געוואַלדיגער אוהב את הבריות און גאָר באַזונדערס איבערגעגעבען צו אָרימע מענשען, וועלכע האָבן ניט געהאַט ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי. אַ באַזונדערע ליבשאַפט און איבערגעגעבענהייט האָט ער אַרויסגעוויזען צו תלמידים פון ישיבות. דאָ איז ער שוין אָפּטמאָל געגאַנגען אפילו מעהר ווי עס פאָדערט די הלכה. אָדער אפשר האָט ער דאָ אויך גענוצט די הלכה פון „לפנים משורת הדין״.

און אָט די גרויסע גייסטיגע ירושה זיינע האָט ער באַוויזען אַריבערצופלאַנצען צו זיינע אייגענע קינדער און צו זיינע תלמידים, וועלכע ער האָט אויך געהאַלטען פאַר זיינע קינדער.

רבי משה האָט איבערגעלאָזען דריי זיהן און צוויי טעכטער: דער עלטסטער זוהן איז רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק, באָסטאָנער רב, וואָס איז אויך זיין ממלא מקום אין דער ישיבת רבי יצחק אלחנן. דער צווייטער זוהן איז דר. שמואל סאָלאָווייטשיק, פּראָפעסאָר פון כעמיע אין ישיבה ־ יוניווערסיטי און דער דריטער זוהן, איז רבי אהרן סאָלאָווייטשיק, ראש ישיבה אין ישיבת רבי חיים בערלין. די טעכטער זיינען: שולמית מייזעלמאַן און חנה גאַרבער, וועלכע זיינען פאַרהייראַט און וואוינען אין באָסטאָן.